אין קאמף פאר'ן אידישן סטודענט האלזמאן אין עסטרייך

(ספעציעל פאר "דאס אידישע ווארט")

פון מ. א. טענענבלאט

די שרעקלאכע טראגעדיע פון א בכבוד'ער לעטלאנדער אידישער משפחה אין דער רייצנדער נאטורלאנדשאפט פון טיראל איז שוין דורכגעפירט געווארן מיט אלע אקטן איבער דער שווערער סצענעריע פון דער גאנצער עסטרייכישער יוסטיץ. א גרויזאמער אומבאקאנטער רעזשיסאר האט דערפירט צום טרויעריקסטן סך־הכל פון א בלינדער קאטאסטראפע, וואס האט ניט איר גלייכן אין דער גרעסטער טראגעדיע פון דעם גריכישן קלאסיציזם.

אויף א זומער טוריסטיק צווישן די געטלאכע טיראלער בערג איז דער'הרג'עט געווארן דער אידישער דאקטאר מרדכי האלזמאן פון ריגא און קיינער ווייסט ניט ווי אזוי, פארוואס און ווער ס'האט באגאנגען אזא פארברעכערישן מארד. די טיראלער יוסטיץבעהערדן האבן זיך געפוילט אדער פארשפעטיקט זוכן דעם מערדער און אויספארשן באצייטנס די נעענטערע אומשטענדן, כל זמן די שפורן פון דעם אומגליק זיינען געווען פריש און ס'איז אפשר דאך געווען א מעגלאכקייט דערגיין כאטש א שטיקל וועג צום אמת. ס'איז לייכטער געווען ארויפווארפען תיכף דעם חשד אויף זיין אייגענעם זון: א יונגן, פליסיקן און זייער אינטעליגענטן סטודענט, איידער ארומשיקן פאליציסטן, זשאנדארן און דעטעקטיווס צו זוכן דעם מערדער צווישן די ווילדע בערגי פון וועלכע ס'האט שוין מער ווי איין זשאנדאר ניט דערלעבט צוריקקומען. האט מען טאקע תיכף געפאקט דעם אידישן סטודענט און אי באזוי ענג און אזוי ביטרע איינגעקלעמט אין א געדיכטער נעץ פון אזוי גערופענע אינדיציום־באווייזע, אז דער נאאיווער ריגא'ר יונגערמאן, וועלכער האט תחילת געהאלטן דעם גאנצן חשד אויף אים פאר א שלעכטען שפאס, איז פון דער געפערלאכער נעץ ניט מער ארויס.

דער סך־הכל איז באקאנט: דער פאטער א הרוג; דער זון פאר'משפט אויף פיר יאר שווערע קעזנער אלס מערדער — פארדאן, ניט אלס מערדער, נאר אלס טויטשלעגער! — פון זיין אייגענעם פאטער; די מוטער און די שוועסטער קראנק און צעבראכן פון אזא שרעקלאכען אומגליק איבער זייער גאנצער פאמיליע: דאס תחילת היבשע פארמעגן פון דער פאמיליע צערונען ווי וואסער אויף באלד א צוויי־יאריקן פראצעס איבער אלע אינסטאנצן פון עסטרייכישער יוסטיץ; איצט דעם פראצעס פאלקאם פארלארן, און דער זון איז קרימינאל, דערווייל אביסל אריינגעפאלן נאר אין טובערקולאזע פון דער לונג מיט זייער טרויעריקע אויסזיכטן. די קראנקע און פאראמערטע מוטער און שוועסטער איבערגעלאזן די היים אלדינג אויף הפקר, וואוינענדיק אין שכנות פון דעם זון'ס קרימינאל, כדי קאנען אים זעען כאטש אמאל אין עטלאכע וואכן.

און דאס אלעס פארוואס? ווייל דער פראצעס איז צום אומגליק געווארן א פאליטישע שפיל, ניט זייענדיק שוין לכתחילה קיין געוויינלאכער קרימינאלער פאל. אלע זיינען היינט מודה, אז דאס אריינשלעפן פאליטיק אין דעם פראצעס האט זייער געשאדט אי דעם באשולדיקטען, פיליפ האלזמאנ'ען אי דעם נאמען פון עסטרייך. אידן און ליבעראל קריסטן מיינען, אז די פאליטיק האט זיך אנגעהויבן שוין ביים חשד אויפ'ן זון און די ערשטע שריט פון דער אויספארשונג זיינען שוין געווען טיילוויז באוואוסט און טיילוויז אומבאוואוסט דיקטירט פון אנטיסעמיטישע געפילן און טענדענצן, דארום האט די אידישע וועלט און מיט איר, אויך א היבשע מאסע גערעכטע קריסטן תיכף אנגעכאפט זיך אן דעם אומרעכט און אויפגענומען דאגעגן דעם עפנטלאכן מאראלישן קאמף. דארויף ענטפערן היינט די קאנסערוואטיווע, מער קולטורעלע קריטיקער און קריסטלאכע קרייזן מיט האלבן אדער פערטל אנטיסעמיטיזם, אז דוקא דאס געשריי פון די אידן און ליבעראלן האבן אריינגעשלעפט דעם פראצעס אין פאליטישער היץ. אן דעם אידישן און דעם ליבעראלן געשריי, וואלט עס געווען געקומען צו אן אנדער סוף. ווען מען זאל ניט געווען געווארפן אזויפיל שטיינער אויף טיראל און איר באפעלקערונג, וואלט מען ראשית אין טיראל אליין געווען וויניקער געהיצט זיך און געקומען אפשר ביים צווייטן פראצעס צו רואיקערע און קלארערע רעזולטאטן. אדער מען וואלט געקאנט אריבערנעמען דעם פראצעס לכתחילה קיין ווין, ווען מ'זאל ניט געווען מוזן שיצן דעם כבוד פון טיראל, קעגן אלע אטאקעס פון דער "אנאנימער אידישער וועלט מאכט" דוקא אויף טיראל, וועלכעס לעבט פון טוריסטן און קאן דורך אזא קאמפאניע פארלירן די פונדאמענטן פון פרנסה.

נאך אלעמען זיינען אלזא אלע מודה, אז דער פראצעס האט זיך אפגעשפילט אין א פאליטישער אטמאספערע און דארום איז קלאר, אז דער סך חכל איז ניט קיין רייכע גערעכטיקייט און ניט קיין געוויסנהאפטער אביעקטיווער אדיקאט. הייסט דאס, אז אפילו דער אויבערשטער געריכטס־הויף פון עסטרייך איז נישט געווען גאנץ פריי פון טיראלער לאקאל־פאטריאטיזם? ווייל ער האט ביים בטל מאכן דעם ערשטן טיראלער משפט, ניט באשטימט אן אנדער שטאט אדער לאנד פאר'ן צווייטן משפט, נאר ווידער אינסברוק, און ווידער טיראל. און דאס וועט בלייבן דער שווארצער פלעק אויף דער עסטרייכישער יוסטיץ.

און דורך דעם וועט דער קאמף ארום דעם אידישן סטודענט פיליפ האלזמאן ערשט רעכט ניט אויפהערן. עס שאפן זיך שוין קאמיטעטן און גרופען פון סתם גוטע מענשן און אפילו פון ערשט קלאסיקע יוריסטן, כדי צו זוכן עפעס א נייעם פאקט, וואס אויף דעם סמך זאל מען קאנען דעם גאנצן פראצעס אנהויבן פון דאס ט'י. בארימטע קריסטלאכע געלערנטע זיינען אויך דערביי און מען וועט ניט רוען, ביז מען וועט ווייזן דער עסטרייכישער פאליטיקעריי, אז דאס איז ניט דער גערעכטער וועג אויף וועלכן זי איז געגאנגען. אויב די עסטרייכישע יוסטיץ וויל ראטעווען איר אלטן און גוטן נאמען, דאן מוז זי אין א נייעם "פראצעס האלזמאן" געבן דער פארטיידיקונג אלע מעגלאכקייטן צו געפינען דעם אמת, אדער די יוסטיץ דארף דערווייזן אויף קלאר, אז פיליפ האלזמאן איז דער מערדער פון זיין פאטער.

איינס פון די ביידע. א נייער פראצעס פאר האלזמאנען וועט און מוז באלד קומען. אפילו די האלב אנטיסעמיטישע פרעסע פארלאנגט עס, ווייל אויך ביים גרעסטן טייל פון דער קריסטלאכער באפעלקערונג איז געבליבן דער געפיל, אז אן אומשולדיקער איז פאראורטיילט געווארן. ניט די עסטרייכישע יוסטיץ, און ניט די פראקטיק פון אנדערע לענדער האבן נאך געהאט אזא פאל, אז דער באשולדיקטער און פאראורטיילטער זאל זיך האלטן אזוי גערעכט, אזוי מוטיק, אזוי קעמפעריש און אזוי שטאלץ ווי פיליפ האלזמאן.

ווין, יאנוואר, 1930. ("איטא")

דזשארדזש וואשינגטאן איז געווען ניט נאר א גרויסער גענעראל, נאר אויך א גוטער פארמער

פון משה דינעס

היינטיקע צייט, וויסן מיר, איז פארמעריי ניט אזא גוט־באצאלטע ביזנעס. כאטש דאס איז, אדער דארף זיין, דער עיקר פון יעדער לאנד. פאר וואס דאס איז אזוי, איז דא ניט דאס פלאץ צו ריידן, אבער דער פאקט, אז אלע וויסן, אז פארמעריי איז ניט אזוי גלענצנדן, אז דאס מיינט אן ארים לעבן. פארמעריי, הייסט — עס באצאלט זיך ניט.

אבער ניט נאר אין דער איצטיקער צייט הערשט אזא מיינונג וועגן פארמעריי. אמאל, מיט א פאר הונדערט יאר צוריק, האט מען, פונקט ווי איצט, געהאלטן, אז פארמעריי איז ניט קיין "געשעפט", און דערפאר איז אזוי אינטערעסאנט, ווען מיר הערוויסן זיך, אז דער גרויסער דזשארדזש וואשינגטאן, וועלכער איז פארשריבן געווארן אין דער אמעריקאנער געשיכטע אלס דער גרעסטער גענעראל, אלס דער וואס האט געמאכט אמעריקע זעלבסטשטענדיק, אז דער זעלבער דזשארדזש וואשינגטאן וואס האט, ביז דער רעוואלוציע, זיך פארנומען מיט פארמעריי, און אז ער איז געווען איינער פון די וויניקע וואס האבן באוויזן צו מאכן פון פארמעריי א גוט־באצאלטע אונטערנעמונג

פון די פאקטן, וואס מען האט ערשט אנטדעקט, דערוויסן מיר זיך, אז וואשינגטאן האט באוויזן צו פארגרעסערן זיין פארם פון 2,700 אקער לאנד אויף א פלאנטאציע פון אכט טויזנט אקער. פון די ביכער אין וועלכע עס איז געווען פארשריבן זיין הויז־פירונג, די הכנסות און הוצאות פון זיין באלעבאטישקייט איז צו זעען, אז פונקט אזוי האט ער פריער זיך אויסגעצייכנט אלס מענעדזשער פון זיין פלאנטאציע, וועלכע האט בסדר געהאלטן אין איין וואקסן און אין איין פארגרעסערן זיך. וואשינגטאן האט מיט זיין הויכער אינטעליגענץ אונמיט זיין באקאנטשאפט אין אגריקולטור פראגן באוויזן, אז א פארם געפירט מיט פראקטישקייט און מיט אן אויסרעכענונג, קאן ניט נאר אליין זיך באצאלן, נאר קאן אויך ברענגען באדייטענדע פראפיטן. מען וואלט צו דעם געקאנט צוגעבן, אז דאס וואס איז געווען אמת מיט העכער הונדערט יאר צוריק ווען די ארבעט אויפ'ן פעלד איז געווען באדייטענד שווערער ווי היינט, ווען מיר האבן אזויפיל מאדערנע מאשינען צו פארגרינגערן די ארבעט אויפ'ן פעלד — אז דאס וואס איז געווען אמת מיט אזוי פיל יארן צוריק, קאן אודאי זיין אמת אויך היינט.

די דאזיקע נייע פאקטן זיינען איצט אנטדעקט געווארן דורך די באמיאונגען און שטענדיקע פארשונגען פון דער מאונט ווערנאן לידיס געזעלשאפט. עס איז די פרויען געזעלשאפט, וועלכער עס קומט דער קרעדיט פאר אויפהיטן ביז היינטיקן טאג דזשארדזש וואשינגטאנ'ס היסטארישע היים אין מאונט ווערנאן.

דער פאקט איז, אז דער אמעריקאנער קאנגרעס האט זיך אנטזאגט און האט גיט געפונען פאר נויטיק אפצוקויפן די היים פון דעם ערשטן אמעריקאנער פרעזידענט. די אמעריקאנער רעגירונג האט זיך קיינמאל קיין סענט ניט געלאזט קאסטן אויפצוהאלטן די דאזיקע היסטארישע היים. וואשינגטאנ'ס היים אין מאונט ווערנאן וואלט שוין מסתמא פון לאנג געווען א חורבה, ווען ניט די איבערגעגעבנהייט פון דער דאזיקער דערמאנטער פאטריאטישער פרויען געזעלשאפט.

אט די דאזיקע געזעלשאפט האט אין די לעצטע יארן זיך אפגעגעבן מערסטענס מיט אויפזוכן אלץ וואס האט געהאט א גרינגלאכע אירגענד־וועלכע פארבינדונג מיט וואשינגטאנ'ס עסטייט אין מאונט ווערנאן. זיי האבן געזוכט צוריקצוקריגן אלע פארשיידענע מעבלען, וואס האבן זיך געפונען אין וואשינגטאנס הויז, און האבן זיך באמיט צוריקצושטעלן די הויז אזוי ווי זי איז געווען אין יענער צייט ווען דזשארדזש וואשינגטאן האט געקעמפט פאר אמעריקעס אומאפהענגיקייט. און אין דער צייט האבן זיי זיך אנגעשטויסן אויף א צאל געשעפטס־ביכער, אין וועלכע עס איז געווען פינקטלאך פארשריבן אלץ וואס האט געהאט צו טאן מיט דער הויז פירונג, מיט די הוצאות און הכנסות פון דער פארם.

פון אט די דאזיקע פאקטן איז געלונגען צונויפצושטעלן א גאנץ בילד פון דעם אופן ווי אזוי וואשינגטאן האט געפירט זיינע געשעפטן און איבערהויפט ווי אזוי ער האט פארוואלטעט זיין עסטייט. עס ווערט אונז איבערגעגעבן, אז אין דער צייט ווען דער עסטייט האט זיך פאנאנדערגעוואקסן פון קארגע דריי טויזנט ביז אכט טויזנט אקער לאנד, האט וואשינגטאן געפונען פאר נויטיק זיין לאנד פאנאנדערטיילן אין פינף באזונדערע, קלענערע פארמס, וואס יעדע פון זיי איז געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון א באזונדער מענעדזשער, און וואשינגטאן אליין פלעגט יעדן טאג, זומער און ווינטער, אין שניי און אין רעגן, ארומפארן אויף זיין איינעם פערד פון איין פארם צו דעם אנדערן, און אויף אלץ האלטן זיין אויג

פון די ביכער וואס די לידיס אסס'ן האט געפונען, קאן מען זעען, אז וואשינגטאן האט אויף זיין פארם זיך אפגעגעבן מיט אלערליי אפטיילונגען פון אגריקולטור. ער האט, הייסט עס, זיך ניט ספעציאליזירט אויף איין באשטימטן צווייג פון פארמעריי. אין איין און אין דער זעלבער צייט וואס וואשינגטאן האט זיך אפגעגעבן מיט פלאנצן טאבאק, וועלכער איז, אגב, געווען דער בעסטער און בארימטסטער אין לאנד, און וועלכער האט זיך געצאלט טייערער ווי אנדערע; מיט האדעווען פערד, קיה, שאף און חזירים. אויף זיין פארם האט מען געקאנט געפינען די בעסטע שפאנישע שקאפעס און די שענסטע אנדאלוזישע מויל־אייזלען, וועלכע ער האט געהאלטן פאר'ן צוועק ארויסצוברייגען די איצט באקאנטע "מיילס". אין דער זעלבער צייט האט דאס לאנד ארויסגעגעבן אלץ וואס ער האט געדארפט פאר זיין הויזגעזינט און פאר די שקלאפן וואס ער האט געהאט אין א באדייטנדיקער צאל. ניט נאר האט די פארם צוגעשטעלט די דאזיקע נויטיקע עסנווארג, נאר אויך דעם מאטעריאל פאר באקליידונג פון דער גאנצע "באפעלקערונג" פון וואשינגטאנס עסטייט. די שאף האבן צוגעשטעלט ניט נאר וואל פאר קליידער, נאר אויך דאס חלב פאר ליכט וועלכע, מען פלעגט מאכן טאקע אויפ'ן פארם. וואשינגטאן האט געהאט א באזונדער וועבעריי, וואו מען פלעגט פון דער וואל אויסשפינען אלע נויטיקסטע זאכן, און אפילו א שוסטעריי האט זיך דארט געפונען, און לעדער איז צוגעשטעלט געווארן פון די פעלן פון די אייגענע בהמות.

אבער ניט נאר דאס. די הייזער און די פארשיידענע בארנס, וואס האבן זיך דארט געפונען, זיינען געווען געבויט פון מאטעריאלן וואס זיינען געקומען פון וואשינגטאנ'ס אכט טויזנט אקער לאנד. די הייזער זיינען געבויט געווען פון ציגל וואס מען האט אויסגעברענט אויף דעם עסטייט, און די בארנס זיינען געווען געבויט פון קלעצער וואס זיינען געקומען פון די וועלדער אויף דער גרויסער אימעניע. און אויף דעם אלעמען האט וואשינגטאן שטענדיק געהאלטן זיין וואכזאם אויג. שטענדיק איז ער געווען אויף זיין פערד. זומער צייט מיט א שירם, וואס איז געווען צוגעפעסטיקט צום זאטל, אז עס זאל אים באשיצן פון דער זון, ווייל זיין צארטע הויט פלעגט זייער לייכט צעברענט ווערן פון די הייסע שטראלן, און אזוי פלעגט ער כסדר ארומפארן און אכטונג געבן אויף דער ארבעט.

אינטערעסאנט איז, אז וואשינגטאן וואלט אפשר קיינמאל ניט געווען געהאט די מעגלאכקייט אויף אזא ברייטן אופן צו אנטוויקלען זיין מאונט ווערנאן עסטייט, ווען ניט דער צופאל וואס אים האט צוגעדינט. — וואשינגטאן האט דעם עסטייט געקראגן בירושה פון זיין שטיף ברודער, לאורענס וואשינגטאן. אבער ער האט דאס ניט געקראגן אויף א דירעקטען אופן. דער עסטייט איז פריער געווען די ירושה פון לאורענסעס איינציקער טאכטער, וועלכע איז געשטארבן אלס בייבי, קורץ נאכ'ן פאטער'ס טויט. ערשט דאמאלט איז דער עסטייט איבערגעגאנגען צו וואשינגטאנען. שפעטער האט וואשינגטאן חתונה געהאט מיט דער אלמנה קאסטיס, וועלכע האט אים געגעבן א נדן פון הונדערט טויזנט דאלאר, — א סומע וואס איז אין יענער צייט געווען ווי איצט א האלבער מיליאן דאלאר, און ערשט דאמאלט האט וואשינגטאן אנגעהויבן אויסצוברייטערן זיין עסטייט.

אין יענער צייט האט, ער אפילו די הויז א סך פארגרעסערט. דאמאלט איז די ארבעט נאך געטאן געווארן פון פריזאנערס, וועלכע זיינען פון ענגלאנד ארי־

(שלוס אויף זייט 3)

די קאנטער־רעוואלוציאנערע מלמד'קע

"אין שטעטל סמאלאוויטש, מינסקער גוב. איז די עלטערע פרוי גאלדבערג, פאר'משפט געווארן צו 6 מאנאטן תפיסה פאר לערנען "ברכות" מיט אידישע קינדער".

(פון די צייטונגען).

עס איז געווען אין א געוויסן פרימארגן. די 60 יאריקע פרוי מירל גאלדבערג איז, ווי געוויינלאך ארויסגעגאנגען פון איר וואוינונג. איבערלאזנדיק איינעם אליין איר 5־יאריקן אייניקל, חיימ'ל, וועמען זי האט גענומען צו דערציען נאכ'ן טראגישן טויט פון זיין פאטער, איר געליבטן זון ישראל.

עס איז געווען א רעגנדיק וועטער. די אלטע מירל האט זיך טיף איינגעהילט אין איר דיקער פאטשיילע און גענומען האסטיק שפרייזן איבער די פאר'חושכ'טע געסלאך, טראכטנדיק בשעת מעשה וועגן איר אמאליקער פארגאנגנהייט.

ערשט מיט צען יאר צוריק איז זי נאך געווען א נגידית'טע. זי האט געהאט א שפייז־געוועלבל, האט זיך עס ממש געבראכן פון סחורה. מען האט שוין געלייזט און מען האט נאך באוויזן אפצושפארן א פאר גילדן.

זיינען געקומען די באלשעוויקעס און געמאכט פון איר א תל, א חורבן. דאס געשעפט האבן זיי צעראבירט. דער מאן אירער מיט'ן זון זיינען פארשיקט געווארן קיין סיביר פאר "קאנטער־רעוואלוציאנערער ארבעט", און זי, די אלטע מירל איז פארבליבן אן איינזאמע און עלנטע אלמנה צוזאמען מיט איר אייניקל, אן שום מיטלען צום לעבן און מפרנס צו זיין זיך.

פון איר אמאליקער דירה האט מען זי ארויסגעווארפן און זי וואוינט יעצט אין א קליין, ענג צימערל, צוזאמען מיט נאך א אידישער פאמיליע.

תחילת איז איר שווער געווען צו צופאסן זיך צום נייעם לעבן. זי איז ארומגעגאנגען, ווי צעמישט, צערודערט, ניט־וויסנדיק, וואס זי האט פריער אנצוהויבן צו טאן... סוף־כל־סוף האט זי זיך ארומגעזען, אז מיט'ן בלויזן טראכטן וועט זי גארנישט ניט מאכן, אז זי מוז מיט כל־הכחות זען צו פארדינען אויפ'ן שטיקל ברויט.

זי האט זיך דערוואוסט אז אין דער דערבייאיקער שטאט מינסק זיינען פאראן פיל אידישע מענער און פרויען, וועלכע ציען חיונה פון ארומגיין איבער די שטיבער און אפלערנען אין געהיים מיט די קינדער א ברכה־מאכן, א שטיקל עברי, א פרשה חומש... אויך זי, מירל, וועט זיך פארנעמען מיט דער דאזיקער פראפעסיע ביי איר אין שטעטל. אמת, טאקע זי קען ניט שרייבן און לעזן, אבער "מודה אני" און אנדערע ברכות געדיינקט זי נאך פון אויסווייניק, דאס האט איר די מוטער אירע, עליה השלום, אויסגעלערנט אין אירע קינדער־יארן, איצט וועט זי, מירל, אויסלערנען עס אנדערע אידישע קינדער...

און אט שפרייזט זי איצט די אלטע פרוי, איבער די גליטשיקע געסלאך פון שטעטל. דאס גייט זי "אפלערנען" צו איינעם פון אירע "גאספאדעס"... זי איז שטאלץ און צופרידן דערפון, וואס אויף אירע עלטערע יארן איז איר אויסגעקומען צו לערנען מיט אידישע קינדער די הייליקע ברכות און "מודה אני"... מסתמא איז עס דאך א באשערטע זאך פון הימל; זאל דאס זיין א טרייסט אין איר עלנטקייט און איינזאמקייט, אפשר זיינען אלע צרות און אומגליקן געקומען אויף איר, כדי זי זאל איינפלאנצן אביסל אידישקייט אין די יונגינקע הערצעלאך, אין א צייט ווען גאטס הייליקע תורה איז פארבאטן צו לערנען. גאט זאל איר נאר העלפן מען זאל ניט כאפן ביי דער האנט, ווייל שוין א געוויסע צייט ווי מען שפירט איר נאך.

מירל האט געוואלט אריבערגיין אויף דער צווייטער זייט געסל, ווי פלוצלונג האבן צוויי פארשוינען איר פארשפארט דעם וועג און זי געפרעגט וואוהין זי גייט.

ביי מירלען האט זיך דאס הארץ געגנומען ווארפן פאר שרעק. איינעם פון די פארשוינען האט זי דערקענט: דאס איז יאסל דעם קצב'ס זונדל, וועלכער איז דער גאנצער פירער פון די יעווסעקן און א דאנק אים טאקע האט מען מירלס מאן און זון פארשיקט קיין סיביר...

— וואס ווילסטו פון מיר, אברה'מל? האט די אלטע זיך געווענדעט צו יאסל קצב'ס זונדל.

זאל די חבר'טע באבעשי ניט פלאפלען האט ער געענטפערט, חבר'טע באבעשי איז ארעסטירט. מיר ווייסן וואוהין איר גייט. איר זייט א מלמד'קע, איר לערנט אידישע קינדער ברכות. מיר ווייסן פון אלעם, אונזערע אגענטן האבן אונז וועגן אלעם מיטגעטיילט...

מירל איז אפגעפירט געווארן אין ארעסט, וואו זי איז איינגעזעצט געווארן צוזאמען מיט אלע אנדערע פארברעכער.

צומארגנס האט זיך אין דער מינסקער יעווסעקישער צייטונג באוויזן א גרויסע קאפ: "די קאנטער־רעוואלוציע ביי דער ארבעט", וואו עס ווערט דערציילט, אז געהיים אגענטן פון דער יעווסעקציע האבן נאך לאנגע זוכענישן, אנטדעקט די קאנטער רעוואלוציאנערקע מירל גאלדבערג 60 יאר אלט, וועלכע מען האט געכאפט ביי דער האנט ביים אריבערגיין איבער אידישע שטיבער און לערנען מיט די קינדער די ברכות... בעת דער רעוויזיע וואס איז ביי איר אין דער היים דורכגעפירט געווארן האט מען געפונען זאכלאכע באווייזן פון קאנטער־רעוואלוציאנערער טעטיקייט, נעמלאך: א טליתקטן, וואס דאס 5־יאריקע אייניקל איז געגאנגען אנגעטאן, צוויי מעשענע לייכטערלאך און א חלה־טישטוכל, אויסגענייט מיט א "מגן־דוד"...

⁂

אין אייניקע וואכן ארום איז פארגעקומען דער פראצעס קעגן דער קאנטער־רעוואלוציאנערקע מירל גאלדבערג וועלכע מען האט געכאפט ביי דער האנט לערנען ברכות מיט אידישע קינדער...

נאכ'ן איבערלייענען דעם באשולדיקונגס־אקט, שטעלט דער פארזיצער דער באשולדיקטער פאלגנדיקע פראגע:

— זייט איר א מלמד'קע?

— איך בין ניט קיין מלמד'קע, — ענטפערט פרוי מירל, — קען ניט שרייבן אוז ניט לייענען. איך קען אפילו ניט קיין "עברי", איך האב געלערנט מיט די קינדער די ברכות פון אויסווייניק, אן א סידור...

די ארויסגערופענע עקספערטן שטעלן פעסט, נאך א לאנגער חקירה ודרישה, אז די פרוי גאלדבערג קען ווירקלאך ניט קיין עברי און אז זי האט געלערנט די ברכות פון אויסווייניק...

דער פארזיצער נעמט איינע פון די זאכלאכע באווייזן און פרעגט דער באשולדיקטער:

— וואס איז דאס?

— א בראך צו מיינע יארן — האט די אלטע אויסגעבראכן אין א געוויין, — ווי און ווינד צו מיר, דאס איז דאך דאס ארבע כנפות'ל פון מיין געליבטן אייניקל. דאס האט דער מאן מיינער אים געקויפט. מיין טייערער מאן, זע נאר פארוואס מען משפט דיין ווייב פאר דעם וואס זי האט געלערנט מיט אידישע קינדער ברכות...

— און וואס איז דאס? — פרעגט ווייטער דער פארזיצער, ווייזנדיק אויפ'ן חלה־טישטוכל.

— דאס, — האט די אלטע נאך מער זיך צעכליפעט, — דאס האט דאך מיין טייערע מאמע עליה־השלום מיט געשאנקען צו מיין חתונה, מיט אירע כשר'ע הענט האט זי אויסגענייט דעם זילבערנעם "מגן־דוד". מאמע, טייערע, זאלסט זיך מיען פאר דיין ליבער טאכטער, וועלכע ווערט פאר לערנען ברכות מיט אידישע קינדער — גע'משפט...

— און ליכט בענשט איר? — האט דער פארזיצער געפרעגט שטרייננג.

— סטיישט, צי כ'בענש? — האט די פרוי א ציטערדיקע געענטפערט — ס'טייטש... אודאי... ווי דען?.. ס'טייטש צי כ'בענש...

— פארוואס האט איר ניט אוועקגעגעבן די לייכטער פאר'ן אינדוסטריאליזאציע פאנד? — האט געדונערט די שטים פון פארזיצער.

די אלטע האט געשוויגן.

מיט א שארפער רעדע איז ארויסגעטראטן דער פראקוראר און געפאדערט די הארבסטע שטראף פאר דער "מלמד'קע", די קאנטער־רעוואלוציאנערקע, פרוי מירל גאלדבערג, וועלכע מען האט געכאפט ביי דער האנט ביים לערנען ברכות מיט אידישע קינדער...

דער פארטיידיקער פון אמט האט געבעטן א מילדערן אורטייל, מאטיווירנדיק דערמיט וואס פרוי מירל האט ניט געלערנט די ברכות פון א סידור, נאר בעל־פה...

דאס געריכט האט פאר'משפט די פרוי מירל אויף זעקס חדשים תפיסה...

אויפ'ן וועג צו דער תפיסה האט די פרוי צו זיך געשעפטשעט:

"עס איז שוין מיר בעסער פון מיין מאן און זון. זיי זיינען פארשיקט געווארן קיין סיביר, ניט וויסנדיק פארוואס און פארווען. איך אבער ווייס פארוואס איך בין פאר'משפט געווארן אויף תפיסה, ווייל — איך האב געלערנט מיט קליינע קינדער ברכות...

(דאס איד, טאגעבלאט, ווארשע).

THE ISRAELITE PRESS
of Western Canada.
The only Jewish Newspaper
אידישעס ווארט
Office and Place of Business: New Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave. East
Published daily except Saturday and Sunday
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA
Subscription: $6.00 per year.
Est. 1910
Phones 55 409—52 213
Winnipeg Manitoba

איז דאס ניט א קאנצענטרירטע אטאקע אויפ'ן ווייץ־פול?

די ווייץ־בערזע האט די זעלבע איינגשאפטן, וואס די "סטאק" בערזע און אלע אנדערע סארטן פון ספעקולאטיוון אויספארקויף. — פרייזן וואקלען זיך, הויבן זיך אדער פאלן. און אט די פלוקטואציע (פרייז באוועגונג) הייננט ניט דוקא אפ פונ'ם אמת'ן צושטאנד פון דער סחורה אויפ'ן מארק, פון דער אנפראגע פאר'ן געברויך. נאר אפט פון דער ספעקולאטיווער אנפראגע. גאנץ אפט ווערן פרייזן אויף א קינסטלאכן אופן געטריבן צום אפגרונט, כדי "אויסצורייניקן" די "מארדזשין" קויפער און איבערלאזן זייער געלט אין די קעשענעס פון די שטארקע, וואס קאנען אויסהאלטן די וואקלענישן ביז די פרייזן הויבן זיך צוריק אויף.

בכלל אבער ווערן פרייזן אויף געברויך ארטיקלען קאנטראלירט פון דער אנפראגע פאר געברויך. און אויב דער זאפאס פון א באשטימטן ארטיקל שעפט זיך אויס, מוזן די פרייזן אויפהויבן זיך. גרויסע ספעקולאנטן קאנען אפשר ברעכן די פרייזן אויף א טאג אדער צוויי, ביז זיי שלינגען איין די קלענערע ספעקולאנטן, — אבער באלד מוזן זיך די פרייזן צוריק אויפהויבן.

וואס זשע איז דער מער מיט די איצטיקע ווייץ־פרייזן? פארוואס האלטן זיי אלץ אין איין פאלן פאר די לעצטע חדשים? איז דער מארק טאקע אזוי פארפלייצט מיט ווייץ?

לעצטן הארבסט האט ארגענטינע אויסגעשאטן גרויסע קוואנטיטעטן ווייץ אויף דעם בריטישן מארק, — דער הויפט קונה פון קאנאדער און אמעריקאנער תבואות, — און האט עס פארקויפט אויף פרייזן, אויף וועלכע ניט דער קאנאדער ווייץ־פול און ניט דער אמעריקאנער פארמער בכלל האבן געקאנט פארקויפן זייער ווייץ. [illegible]

דער זאפאס פון ארגענטינער ווייץ אויף דעם בריטישן מארק איז פאקטיש אויסגעשעפט. [illegible]

[illegible]

דעם קראך פון ווייץ פרובירט מען צו דערקלערן אויף פארשיידענע אופנים: [illegible]

מיר מוזן אבער נעמען אין אנבאטראכט, [illegible]

מען קאן ניט געפינען [illegible]

עס מוז דערפאר [illegible]

[illegible]

וועט זיי געלינגען? [illegible]

די מערב קאנאדער אידן און דער געווערק־שאפטן קאמפיין

דער שליח פונ'ם ארבעטנדיקן ארץ־ישראל, שמואל דיין, פארט איצט ארום איבער קאנאדא און וועקט אין אלע אידישע ישובים פון מערב קאנאדא די אינטערעסע פאר דעם געווערקשאפטן קאמפיין [illegible]

די אידישע ארבעטערשאפט פון א"י פאדערט ניט דורך איר שליח [illegible]

דאס איז א נאציאנאלע ארבעט. [illegible]

די מערב קאנאדער אידן [illegible]